דברים תשפ"ה
גליון 248

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייְעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער רייַנער קוואַל

מִיר הַאלְטְן שׁוֹין מַמָּשׁ בַּיים שְׁוֶועל פוּן דֶער טָאג תִּשְׁעָה בְּאָב וֶוען גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל טְרוֹיעֶרְט אוּן מֶען בֶּענְקְט, מֶען טוּט תְּשׁוּבָה אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל זִיךְ שׁוֹין מְרַחֵם זַיין אוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

וָואס אִיז דֶער בַּאדֵייט פוּנֶעם תַּעֲנִית וָואס מִיר גֵייעֶן פַּאסְטְן קוּמֶענְדִיגְן זוּנְטָאג? אֲפִילוּ אַ אִינְגְל וָואס פַּאסְט נִישְׁט עֶסְט מֶען נִישְׁט קַיין פְלֵיישׁ מֶשֶׁךְ דִי נַיין טֶעג, אוּן מֶען טוּט נָאךְ אַנְדֶערֶע סִגּוּפִים, מֶען טְרִינְקְט נִישְׁט קַיין וַויין, מֶען הֶערְט נִישְׁט קַיין מוּזִיק, דִי אַלֶע זַאכְן הָאט אַ צִיל, עֶס אִיז נִישְׁט סְתַּם. לָאמִיר זֶען וָואס ר׳ נָתָן שְׁרַייבְּט אִין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת אוֹיף דֶעם (הלכות הרשאה ג׳).

ר׳ נָתָן שְׁרַייבְּט אַז דֶער עִיקָר תִּיקּוּן פוּנֶעם תַּעֲנִית אִיז אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ מִשְׁפֶּטְ׳ן, זִיךְ אִיבֶּער רֶעכֶענֶען אוֹיבּ עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. אַמָאלִיגֶע צַייטְן אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַ מִנְהָג אַז אַ טָאג וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ תַּעֲנִית פְלֶעגְט מֶען זָאגְן פַארְן עוֹלָם אַז אַלֶע זָאלְן זִיךְ גוּט אִיבֶּערְקוּקְן אוּן זֶען צוּ מֶען פַארְרֶעכְט וָואס מֶען הָאט צוּ פַארְרֶעכְטְן וַוייל דָאס אִיז דֶער עִיקָר פוּנֶעם תַּעֲנִית, דֶער חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ.

הַיינְט צוּ טָאג גֵייט דָאס אוֹיךְ אָן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מַאכְן יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, זִיךְ מִשְׁפֶּטְ׳ן אוּן זֶען אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ וָואס צוּ פַארְרֶעכְטְן, בִּפְרָט וֶוען עֶס קוּמְט אַ תַּעֲנִית דַארְף זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ רִיכְטִיג מִשְׁפֶּטְ׳ן, אוֹיבּ מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

אַ אִיד וָואס מִשְׁפָּט זִיךְ, עֶר קוּקְט נָאךְ זַיינֶע מַעֲשִׂים וָואס עֶר טוּט, זַיין עֶסְן, זַיין בַּאנֶעמוּנְג מִיט חֲבֵרִים, כִּבּוּד אָב וָאֵם, זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע, בֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ, בֵּין אָדָם לַמָּקוֹם, אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִשְׁתַּדֵּל צוּ פַארְרֶעכְטְן פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער, אִיז עֶר זוֹכֶה דוּרְךְ דֶעם צוּ בִּנְיָן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, וַוייל חֲזַ"ל זָאגְן "כָּל הַמִּתְאַבֵּל עַל יְרוּשָׁלַיִם, זוֹכֶה וְרוֹאֶה בְּשִׂמְחָתָהּ", דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען טְרוֹיעֶרְט אוֹיף יְרוּשָׁלַיִם מֶען קוּקְט זִיךְ אִיבֶּער דִי מַעֲשִׂים, דֶער מֶענְטְשׁ זֶעט אַיין אַז עֶר אִיז שׁוּלְדִיג אִינֶעם חוּרְבָּן – וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (תורה ס"ז תנינא) אַז יֶעדֶער אִיד לְפִי זַיינֶע מַעֲשִׂים הָאט עֶר אַ חֵלֶק אִינֶעם חוּרְבָּן. לוֹיט דֶעם קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען מֶען מִשְׁפָּט זִיךְ אוּן מֶען פְּרוּבִּירְט צוּ פַארְרֶעכְטְן אַלֶע מַעֲשִׂים אוּן תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף וָואס מֶען הָאט נִישְׁט רִיכְטִיג גֶעטוּן, הָאט עֶר אַ חֵלֶק אִינֶעם בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס וֶועט בְּקָרוֹב גֶעבּוֹיעֶט וֶוערְן.

דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וֶועט גֶעבּוֹיעֶט וֶוערְן דוּרְךְ מִשְׁפָּט, אַז מִיר וֶועלְן אַרַיינְקוּקְן אִין אוּנְזֶערֶע מַעֲשִׂים אוּן זֶען וָואס מִיר קֶענֶען פַארְרֶעכְטְן, אַזוֹי וִוי מֶען פִירְט אוֹיס סוֹף פוּן דִי הַפְטוֹרָה חֲזוֹן "צִיּוֹן בְּמִשְׁפָּט תִּפָּדֶה וְשָׁבֶיהָ בִּצְדָקָה (יְשַׁעְיָהוּ אַ, כז) צִיּוֹן וֶועט וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוען מִיר וֶועלְן זִיךְ מִשְׁפֶּטְ׳ן אוּן גֶעבְן אַ חֶשְׁבּוֹן אוֹיף דִי מַעֲשִׂים.

אַסַאךְ מָאל וִויל זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ נֶעמֶען אוּן דִי הֶענְט, עֶר מִשְׁפָּט זִיךְ אוּן עֶר נֶעמְט אוֹיף זִיךְ אַ גֶעוִויסֶע סִגּוּף, צוּם בַּיישְׁפִּיל עֶר גִיבְּט אַוֶועק אִין דִי טֶעג עֶפֶּעס אַ גֶעשְׁמַאקֶע זִיסֶע עֶסְן וָואס עֶר הָאט לִיבּ פַארְן בַּאשֶׁעפֶער, אָדֶער עֶסְט עֶר יָא דִי גוּטֶע זַאךְ אָבֶּער עֶר מַאכְט דִי בְּרָכָה מִיט מֶער כַּוָּונָה אוּן

בּענטשט אינעווייניג פון אַ סֵדוּר געשמאַק, זאָגט ר׳ נָתָן אַז דוּרךְ דעם איז ער מְבַטֵל פון זיךְ טויזנטער און צענדליגע טויזנטער קטרוגים און דינים פון בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה, ווייל אַז מיר מאַכן דאָ אויף דער וועלט התבודדות און מען מִשְׁפָּט זיךְ אויף די מַעֲשִׂים, מען באַנייט זיךְ אין עֲבוֹדַת הַשֵׁם פון דאָסניי, זאָגן חֲזַ״ל אויף דעם ״אִם יֵשׁ דִין לְמַטָה אֵין דִין לְמַעְלָה״ אויב מיר מִשְׁפָּט׳ן זיךְ אַליין אויף דער וועלט ווערט אויבן אין הימל בָּטֵל די מִשְׁפָּט אויף אונז, דער מְקַטְרֵג קען נישט גאַרנישט מְקַטְרֵג זיין ווייל עס איז שוין געווען אַ מִשְׁפָּט דאָ אונטן דורךְ דעם מענטש אַליין.

די עֵצָה פון מִשְׁפָּט איז גאָר אַ וואונדערליכע עֵצָה, ווייל לְפִי דעם אֱמֶת איז דער מענטש נאָךְ זייער ווייט פון באַשעפער און לכאורה קומט אים זייער האַרבע שטראָפן ווייל יעדע קליינע מַחֲשָׁבָה און דִבּוּר וואָס מען האָט געטון נישט ווי מען דאַרף, עַל פִּי פְּשַׁט וועט נישט העלפן תְּשׁוּבָה אֲפִילוּ דער מענטש וועט אַ גאַנצן לעבן טון אַלע סאָרטן סִגוּפִים און תַּעֲנִיוֹת קען מען נישט תְּשׁוּבָה טון אֲפִילוּ נאָר אויף איין שלעכטע הרהור וואָס מען האָט געטראַכט, אָבער מיט די עֵצָה פון התבודדות אַז דער מענטש טוט זיךְ אַליין מִשְׁפָּט׳ן, ער וואַרט נישט אַז דער אויבערשטער זאָל אים שיקן פון אויבן דינים און דערמאַנונגען ער זאָל תְּשׁוּבָה טון, וועט ער דורךְ די עֵצָה אַליין מְבַטֵל זיין פון זיךְ אַלע דִינִים.

הָרַב הֶחָסִיד ר׳ לֵוִי יִצְחָק בּענדער זי״ע האָט אַמאָל געזאָגט ביי אַ שִׁיעוּר, אַז יעדע נאַכט קומט אַרויף די נְשָׁמָה פון יעדן איד אויבן אין הימל - אַזוי ווי חֲזַ״ל זאָגן אַז פאַרן גיין שלאָפן דאַרף מען געבן דין וְחֶשְׁבּוֹן אויף די מַעֲשִׂים וואָס מען האָט געטון מֶשֶׁךְ דעם טאָג און דער מענטש דאַרף אונטערשרייבן אַז אַלעס איז ריכטיג – אַז נאָךְ הונדערט און צוואַנציג ווען דער מענטש קומט אַרויף געבן דין וְחֶשְׁבּוֹן, איז די טעג וואָס דער מענטש האָט געמאַכט התבודדות וועט מען איבערמישן דעם טאָג און נישט אַריינקוקן דאָרט ווייל דער מענטש האָט זיךְ שוין גע׳מִשְׁפָּט אַליין, ער האָט זיךְ שוין איבערגעבעטן מיטן אויבערשטן! דאַרף ער מער נישט געבן אַ מִשְׁפָּט אויף דעם טאָג!

דער אויבערשטער זאָל העלפן אַז די טעג זאָלן ווערן איבערגעדרייט צו שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה און מען זאָל קענען פאַרריכטן אַלע אונזערע מַעֲשִׂים און זוֹכֶה זיין צו נֶחָמַת צִיוֹן וִירוּשָׁלַיִם דאָס יאָר אָמֵן וְאָמֵן.

# איין אשה׳לע

״ווער עס וועט טרעפן די בּינטל שליסלעך וועט באַקומען אַן אייז לעקער,״ האָט מיין מאַמע אויסגערופן הויךְ. די מעלדונג איז צעשפרייט געוואָרן אין אַלע ווינקלעך פון הויז וואו מען האָט געמאַכט אַ גרינטליכע אונטערזוכונג, וואָס די פּאָליציי אינסטאַנצן קענען זיךְ פאַרמעסטן, אָבער די שליסלעך זענען נישט אָפּגעפונען געוואָרן.

ביי אונז אין שטוב הענגט אַ בּינטל שליסלעך וואָס מיינע עלטערן ברויכן זייער וויכטיג צו קענען פאַרשפאַרן און אויפשפאַרן טירן אָבער דער פּראָבלעם איז אַז די קליינע קינדער האָבן דאָס זייער ליב. מיט די שליסלעך שפּירן זיי זיךְ מעכטיג ווי עכטע טאַטע-מאַמע און דאָס געבט זיי פיל צו צו זייער שפּיל.

ביז איין טאָג זענען די שליסלעך נעלם געוואָרן ווי אין וואַסער אַריין. וואו האָט מען נישט געזוכט? מַמָשׁ ווי בְּדִיקַת חָמֵץ, אָבער קיין צייכן פון אַ שליסל איז נישט געפונען געוואָרן...

״זוכט בעסער,״ האָט מיין טאַטע באַפוילן,״ אָן די שליסלעך קען מען נישט פאַרשפאַרן די הויז און באַלקאָנען, עפענען די פּאָסט קעסטל און מאַגאַזין.

ס'אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין קִינְדֶער שְׁפִּיל. צוּ רוּפְן אַ שְׁלֶעסֶער אוֹיפְצוּבְּרֶעכְן דִי שְׁלֶעסֶער אוּן אִיבֶּערְמַאכְן נַייֶע אִיז נִישְׁט קַיין קְלֵיין-גֶעלְט.

נִישְׁט קַיין אַייז לֶעקֶער אוּן אוֹיךְ נִישְׁט קַיין וָוארֶענוּנְג הָאבְּן גֶעהָאלְפְן טְרֶעפְן דֶער פַארְלוֹירֶענֶעם אוֹצָר. אֲפִילוּ אִיבֶּערְקֶערְן אַלֶע שְׁפִּילֶעַרייֶען פּוּשְׁקֶעס אוּן אוֹיסְגִיסְן לֶעדְלֶעך הָאבְּן נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ זֵכֶר פוּן דִי שְׁלִיסְלֶעך, וִוי דִי עֶרְד זָאל דָאס אֵיינְשְׁלִינְגֶען.

אֵיין טָאג אִיז מַיין טַאטֶע אַהֵיימְגֶעקוּמֶען אוּן אוּנְז דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז גָאר אַסַאךְ מִתְפַּלֵל אַז דִי שְׁלִיסְלֶעך זָאלְן אַפִּירְקוּמֶען.

יֶענֶעם טָאג קְלִינְגְט מַיין חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע שְׁוֶועסְטֶער אוּן זָאגְט אַז זִי הָאט אַ קְלֶער אַז אֶפְשָׁר קֶענֶען דִי שְׁלִיסְלֶעך לִיגְן בַּאהַאלְטְן אִין רֶענְצְלֶעך?

אוּנְזֶערֶע רֶענְצְלֶעך לִיגְן פַארְפַּאקְט אִין בּוֹידֶעם, וואוּ קוּמְט דָארְט אָן שְׁלִיסְלֶעך? אָבֶּער וָואס טַאקֶע קֶען מֶען דֶערְלֵייגְן דוּרְךְ זוּכְן, הֶעכְסְנְס וֶועט דָאס זַיין אוּמְזִיסְט. מַיין טַאטֶע הָאט גֶענוּמֶען אַ לֵייטֶער אוּן אַרוֹיפְגֶעקְרָאכְן. אֵיין רֶענְצְל נָאכְן צְוֵוייטְן אִיז אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן גֶעוָוארְן וֶוען דִי קִינְדֶער הֵייבְּן אָן צוּ עֶפֶענֶען דִי טַאשְׁן.

יָא! דִי שְׁלִיסְלֶעך זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען. קוּקְט אוֹיס אַז דִי רֶענְצְלֶעך זֶענֶען אֵיין טָאג גֶעוֶוען אַ חֵלֶק פוּן דִי קִינְדֶערְ'ס שְׁפִּילֶעַרייֶען וֶוען מִיר זֶענֶען אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פוּן יְרוּשָׁלַיִם אוֹיף שַׁבָּת אוּן הָאבְּן דָארְט גֶעפוּנֶען אָן אָרְט פַאר דִי טַייעֶרֶע שְׁלִיסְלֶעך.

יָא! דִי קְלֵיינֶע תְּפִלָּה הָאט נָאךְ אוֹיסְגֶעפֶעלְט צוּ טְרֶעפְן דִי אֲבֵידָה, וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט: "אַלֶע אֲבֵדוֹת לִיגְן בַּיים צַדִּיק..."

## מַעֲשֶׂה ג – דֶער הִינְקֶעדִיגֶער 5

המשך פון זייט 9

הָאט דֶער מֶלֶךְ זִיךְ אָנְגֶירוּפְן אוּן הָאט גִיזָאגְט צוּם זָקֵן. אַז דוּ בִּיסְט יוֹא אַזוֹי אֵיין מֶענְטְשׁ. וֶועל אִיךְ דִיר שֶׁענְקֶען. אֵיין סֵפֶר פוּן אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת פוּן דִי שְׁדִים.

וָוארִין סֶע פַאר הַאנְדִין בַּעֲלֵי שֵׁמוֹת. וָואס זֵיי וֵוייסִין מֶער נִיט נָאר פוּן אֵיין מִשְׁפָּחָה. אוּן אֲפִילוּ דִי מִשְׁפָּחָה וֵוייסִין זֵיי אוֹיךְ נִיט אִין גַאנְצִין. אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבִּין אֵיין סֵפֶר וָואס דְרִינֶען שְׁטֵייעֶן אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת. וָוארִין בַּיי דֶעם מֶלֶךְ זֶענֶען זֵיי אַלֶע פַּארְשְׁרִיבְּן. אוּן אֲפִילוּ וֶוער סֶע וֶוערְט גִיבּוֹירִין. וֶועט אוֹיךְ פַּארְשְׁרִיבְּן בַּיי דֶעם מֶלֶךְ.

הָאט דֶער מֶלֶךְ גִישִׁיקְט דֶעם אֵיינֶעם וָואס עֶר אִיז מִיט אִים גִיוֶועןְ. נָאךְ דֶעם סֵפֶר (נִמְצָא הָאט עֶר זֵייעֶר רֶעכְט גִיטָאן וָואס עֶר הָאט אִים אַרֵיין גִילָאזְט נָאךְ מִיט אֵיינֶעם וָוארִין זוּסְט וֶועמֶען וָואלְט עֶר גִישִׁיקְט) הָאט עֶר אִים גִיבְּרַאכְט דָאס סֵפֶר. הָאט עֶר גִיעֶפִינְט דָאס סֵפֶר, הָאט עֶר גִיזֶעהְן עֶס שְׁטֵייט דְרִינֶען אֶלֶף אֲלָפִים וְרִבֵּי רְבָבוֹת זֵייעֶרֶע מִשְׁפָּחוֹת.

הָאט דֶער מֶלֶךְ צוּ גִיזָאגְט דֶעם זָקֵן. אַז זֵיי זָאלִין קֵיין מָאל נִיט מַזִיק זַיין דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה פוּן דֶעם זָקֵן. אוּן הָאט גִיהֵייסִין בְּרֶענְגֶען אַלֶע פַּאטְרֶעטִין פוּן זַיין גַאנְצֶער מִשְׁפָּחָה.

אוּן אֲפִילוּ אַז עֶס וֶועט בַּיי זֵיי גִיבּוֹירִין וֶוערִין אֵיין קִינְד. זָאל מֶען תֵּיכֶף בְּרֶענְגֶען זַיין פַּאטְרֶעט כְּדֵי זֵיי זָאלִין נִיט מַזִיק זַיין קֵיינֶעם פוּן דֶער מִשְׁפָּחָה פוּן דֶעם זָקֵן.

דֶערְנָאךְ אַז סֶע גִיקוּמֶען דִי צַייט פוּן דֶעם זָקֵן אַז עֶר זָאל אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט. הָאט עֶר גִירוּפִין זַיינֶע קִינְדֶער. אוּן הָאט זֵיי צַוָואֶה גִילָאזְט.

אוּן הָאט צוּ זֵיי אַזוֹי גִיזָאגְט. אִיךְ לָאז אַייךְ אִיבֶּער דָאס סֵפֶר. אוּן אִיר זֶעט דוֹךְ אַז אִיךְ הָאבּ כֹּחַ צוּ נִיצְן מִיט דֶעם סֵפֶר בִּקְדוּשָּׁה. אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָּארְט נִיץ אִיךְ דֶערְמִיט נִיט.

נָאר אִיךְ הָאבּ אֱמוּנָה אִין הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. זָאלְט אִיר אוֹיךְ דֶערְמִיט נִיט נוּצִין. אֲפִילוּ אַז עֶס וֶועט זִיךְ גִיפוּנֶען אֵיינֶער פוּן אַייךְ. וָואס עֶר וֶועט קֶענֶען נוּצִין דֶערְמִיט בִּקְדוּשָּׁה. זָאל עֶר פָּארְט דֶערְמִיט נִיט נוּצִין. נָאר עֶר זָאל הָאבִּין אֱמוּנָה אִין הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. דֶערְנָאךְ אִיז דֶער חָכָם גִישְׁטָארְבִּין.




אין די טֶעג וֶועג אִידִישֶׁע קִינְדֶער בֶּענְקֶען זִיךְ צוּרִיקְצוּקֶערְן צוּם הֵיילִיגְן לַאנְד אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶועלְכֶע וֶועט בְּקָרוֹב וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט נָאר דוּרךְ מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ, וֶועלְן מִיר בְּרֶענְגֶען עֶטְלִיכֶע מַעֲשִׂיּוֹת אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן קְדוּשַּׁת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל – מֶען פַארְשְׁטֵייט אַלֵיין אַז מִיר רֶעדְן פוּן דֶער הֵיילִיגֶער לַאנְד וָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער וַוארְטְן שׁוֹין טוֹיזְנְטֶער יָארְן צוּ טְרֶעטְן אוֹיף אִירֶע הֵיילִיגֶע עֶרְד אוּן נִישְׁט דִי נַארִישֶׁע לַאנְד וָואס פַארְמָאגְט נִישְׁט קֵיין שׁוּם מַלְכוּת אוּן פַארְדִינְט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט דֶער נָאמֶען פוּן אַ מְדִינָה.

אֵיינֶער פוּן דִי גְרוֹיסֶע לִיכְטִיגֶע תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי'ן, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ אִין זַיין הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה, אִיז גֶעוֶוען ר' יִשְׂרָאֵל הֵיילְפְּרִין זַצַ"ל, מֶען פְלֶעגְט אִים אוֹיךְ רוּפְן ר' יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶר. עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ בַּאשְׁרַייבְּן זַיין הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁטִיל אוּן בַּאשֵׁיידְן נָאר צְוִוישְׁן אִים אוּן דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, וֶוער עֶס הָאט נָאר גֶעקוּקְט אוֹיף זַיין לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אָדֶער אֲפִילוּ סְתַּם אַזוֹי זַיין רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן, אִיז

שְׁטַארְק נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן צוּ תְּשׁוּבָה. גָאר אַסַאךְ שָׁעָה'ן פְלֶעגְט עֶר פַארְבְּרֶענְגֶען אִין וַואלְד צְוִוישְׁן דִי בֵּיימֶער, דָארְטְן לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן רֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. זַיין רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אִיז גֶעוֶוען מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְד, אַזוֹי וִוי זַיין תַּלְמִיד ר' יִשְׂרָאֵל בֶּער אָדֶעסֶער זַ"ל הָאט דֶערְצֵיילְט, עֶר הָאט אִים אַמָאל גֶעטְרָאפְן אִין וַואלְד אִין גֶעהֶערְט וִוי עֶר לֵייגְט פָאר זַיינֶע שְׁאֵלוֹת פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ מוֹרָאדִיגֶע זִיסְקֵייט אוּן תְּמִימוּת: "טַאטֶע, פוּן אֵיין זַייט וִויל אִיךְ אַזוֹי טוּן, אָבֶּער פוּן צְוֵוייטְן זַייט אִיז אַזוֹי אוּן אַזוֹי, וָואס זָאל אִיךְ טוּן? דִי פֵּירוֹת פוּן זַיין פִיל הִתְבּוֹדְדוּת פְלֶעגְט מֶען זֶען אוֹיף זַיין גֶעוַואלְדִיגֶע יִשּׁוּב הַדַּעַת, אוּן דֶעם חֵן שֶׁל אֱמֶת וָואס הָאט גֶעשַׁיינְט פוּן זַיין לִיכְטִיגְן גֶעזוּכְט.

ר' חַיִּים אִיטְשֶׁע כֹּהֵן וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ חָשׁוּבֶ'ער בִּיאַנֶ'ער חָסִיד, אִיז אַמָאל גֶעפָארְן מִיט זַיין זוּהְן ר' מֹשֶׁה, אַרַיינְצוּגֵיין צוּ עֶטְלִיכֶע צַדִּיקִים אִין חוּץ לָאָרֶץ, אוֹיפְן וֶועג צוּרִיק פוּן חוּץ לָאָרֶץ קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, פָארְנְדִיג אוֹיפְן שִׁיף הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעטְרָאפְן

ר׳ יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער וָואס אִיז דֶעמָאלְס אוֹיףְ גֶעפָּארְן זַיין נְסִיעָה קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַזוֹי צַאמְגֶערֶעדְט צוּזַאמֶען, וֶוען ר׳ חַיִּים אִיטְשֶׁע הָאט פְּלוּצְלוּנְג גֶעפְּרֶעגְט: ״זָאג מִיר ר׳ יִשְׂרָאֵל הָאט אִיר בַּאקוּמֶען אַ פַּאסְפָּארְט צוּ אַרַיינְקוּמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, (עֶס אִיז דֶעמָאלְס גֶעוֶוען אִין דִי צַייט וָואס דִי טֶערְקְן הָאבְּן גֶעוֶועלְטִיגְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶס אִיז זַייעֶר שְׁוֶוער גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען אַ פַּאסְפָּארְט אַרַיינְצוּגֵיין) צוּ זַיין וואוּנְדֶער הָאט אִים ר׳ יִשְׂרָאֵל גֶעעֶנְטְפֶערְט נֵיין! אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין פַּאסְפָּארְט!

אוֹי וֵויי, הָאט זִיךְ דֶער חָסִיד זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, ווִי אַזוֹי פָּארְט אִיר אַזוֹי רוּאִיג, אִיר וֵוייסְט דָאךְ אַז דִי טֶערְקְן זֶענֶען זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג, קֶען זַיין אַז דִי גַאנְצֶע לַאנְגֶע נְסִיעָה אוֹיפְן שִׁיף אוּן דִי גֶעלְט מִיט דִי טִרְחָה אִיז אַלֶעס אוּמְזִיסְט, דִי טֶערְקְן וֶועלְן אַייךְ נִישְׁט לָאזְן אַרַיינְגֵיין אָן פַּאפִּירְן.

אָבֶער ר׳ יִשְׂרָאֵל אִיז גֶעבְּלִיבְּן גֶעלַאסְן, אוּן הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אִיךְ הָאבּ זִיךְ מְיַשֵּׁב גֶעוֶוען וֶועגְן דֶעם, מַיין רֶבִּי ר׳ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זי״ע הָאט גֶעלֶערְנְט אַז צוּ דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין אֲפִילוּ נָאר מִיטְן גֵיין ד׳ אַמּוֹת אִין דִי הֵיילִיגֶע לַאנְד, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר, מִמָּה נַפְשָׁךְ אוֹיבּ וֶועט מֶען מִיר לָאזְן אַרַיינְגֵיין אִיז זִיכֶער גוּט, אוּן אוֹיבּ נִישְׁט, אִיז דָאךְ דָא אַ שְׁטִיקְל וֶועג פוּן וואוּ דִי שִׁיף דֶערְגְרֵייכְט דֶער בְּרֶעג פוּן יַם, בִּיז דִי פְּלַאץ וואוּ דִי שׁוֹמְרִים שְׁטֵייעֶן אוּן קוּקְן אִיבֶּער דִי פַּאפִּירְן פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם, אִיז דָא מֶער ווִי פִיר טְרִיט צוּ גֵיין, קֶען טַאקֶע זַיין אַז זֵיי וֶועלְן מִיר בַּאלְד אַהֵיים שִׁיקְן צוּרִיק, וֶועל אִיךְ כָאטְשׁ מִיט דִי קוּרְצֶע וֶועג פוּן דִי שִׁיף בִּיז דִי שׁוֹמְרִים, זוֹכֶה זַיין מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף צוּ זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל!

צוּם סוֹף הָאט ר׳ יִשְׂרָאֵל זוֹכֶה גֶעוֶוען אוֹיסְצוּפִירְן זַיינֶע הֵיילִיגֶע כִּסּוּפִים לַפּוֹעַל, מֶען הָאט אִים גֶעלָאזְט אַרַיינְקוּמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אָן קַיין שׁוּם עִכּוּב אָדֶער שְׁטֶער. ר׳ מֹשֶׁה כֹּהֵן הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פַאר הָרַב הֶחָסִיד ר׳ יִשְׂרָאֵל נַחְמָן בּוּרְשְׁטֵיין זַ״ל אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט: ״מַיין טַאטֶע אִיז אַזוֹי נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן פוּן דִי תְּמִימוּת׳דִיגֶע תְּשׁוּבָה פוּן ר׳ יִשְׂרָאֵל, אוּן הָאט מִיר גֶעזָאגְט: גֶעבּ אַ קוּק דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַן אֱמֶת׳ע אֱמוּנַת צַדִּיקִים מִיט אַזַא פְּשִׁטוּת, וָואס קֶען צֶעבְּרֶעכְן אֲפִילוּ אַזֶעלְכֶע אַייזֶערְנֶע מוֹיעֶרְן״.

(אוֹצָר נַחֲמָנִי קי״ד)

ר׳ מִיכַל זְלָאטְשׁוּבֶער הָאט גֶעהַאט אַ זוּן ר׳ וֶועלְוְול זְבַּארִיזְשֶׁער, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען וואוֹינֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אֵיינְמָאל וֶוען זַיין רֶעבֶּעצִין אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם יַם וַואשְׁן דִי וֶועשׁ, הָאט אַ דוּרְכְגֵייעֶר אַ זָאג גֶעגֶעבְּן: ״אוֹי דָאס אִיז דָאךְ דִי זְבַּארִיזְשֶׁער רֶעבֶּעצִין! הָאט זִי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: ״בֶּעסֶער צוּ זַיין אַ וַואשֶׁערִין דָא, ווִי אֵיידֶער אַ רֶעבֶּעצִין אִין חוּץ לָאָרֶץ!״

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר ווִיל קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ אוּן זַיין אַ פָּשׁוּטֶ׳ער אִיד אַבִּי זוֹכֶה צוּ זַיין צוּ קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל!

פארזעצונג אויף זייט 10




*אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר:*

*רֶבִּי נָתָן וֶוערְט אַ חָתָן צוּ זַיין דֶערְהוֹיבֶּענֶעם שְׁוֶוער, רֶבִּי דָוִד צְבִי אוֹיעֶרְבַּאך זַצַ"ל, וֶועלְכֶער אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן דוּרְךְ אַ בְּרָכָה פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ.*

*יֶעצְט לֵיינְט ווַייטֶער:*

דֶער קְלֵיינֶער דָוִד צְבִי אִיז גֶעוַואקְסְן אוּנְטֶער דִי וַואכְזַאמֶע שָׁאטְן פוּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע עֶלְטֶערְן. פוּן פִּיצְלֶערְהֵייט אָן, הָאט מֶען אִים שׁוֹין מְחַנֵּךְ גֶעוֶוען צוּ תּוֹרָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם. אוּן דָאס קִינְד הָאט אַוַודַאי נִישְׁט אַנְטוֹישְׁט דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְכֶע הָאבְן אַזוֹי אוֹיסְגֶעוַוארְט אוֹיף זֵייעֶר בֶּן יָחִיד. פוּן גָאר אַ יוּנְגְן עֶלְטֶער הָאט עֶר שׁוֹין אַרוֹיסְגֶעוִויזְן זַיינֶע קֶענְטֶעניסְן אוּן כִּשְׁרוֹנוֹת.

אִין אַ טָאג אִיז דֶער שְׁטָאט סְטַאנִיסְלָאוו אַיינְגֶעהִילְט גֶעוָוארְן אִין אַ טְרוֹיעֶר אוּן צַעַר. דָאס אֲבֵלוּת הָאט זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט אִין יֶעדֶעס ווִינְקֶל. אַז אַ צַדִּיק גֵייט פוּן דֶער וֶועלְט אִיז דָאס אַן אֲבֵידָה פַאר דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט. דֶער צַדִּיק וְקָדוֹשׁ, רֶבִּי אַרְי' לֵייבִּישׁ זַצַ"ל, פוּן דִי גְרֶעסְטֶע תַּלְמִידִים פוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, אִיז לַיידֶער נִפְטַר גֶעוָוארְן.

שְׁוֶוער אִיז גֶעוֶוען זִיךְ צוּ עֶרְהוֹילְן פוּן דֶעם קְלַאפּ. דָאס קוֹל תּוֹרָה פוּן דֶעם צַדִּיק אִיז פְּלוּצְלוּנְג פַארְשְׁטוּמְט גֶעוָוארְן, אָבֶער מֶער פוּן אַלֶעם הָאבְּן מֶענְטְשְׁן זִיךְ מְצַעֵר גֶעוֶוען אוֹיף דֶער קְלֵיינֶער אוּמְשׁוּלְדִיגֶער יָתוֹמ'ל, דָוִד צְבִי, וֶועלְכֶער אִיז אַצִינְד גֶעבְּלִיבְּן אָן קֵיין פָּאטֶער וָואס זָאל זִיךְ אוּמְקוּקְן אוֹיף אִים.

וֶוער וֶועט מִיט אִים לֶערְנֶען תּוֹרָה? וָואס וֶועט אוֹיסְוַואקְסְן פוּן אִים? אַזַא הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה דַארְף אַ טַאטֶע וָואס זָאל אִים עֶרְצִיעֶן.

קֵיין אֵיינֶער פוּן דִי שְׁטָאטְלַייט הָאבְּן נִישְׁט גֶעווּאוּסְט אַז ס'אִיז אַ שָׁאד פַאר זֵייעֶר זָארְג, אַלֶעס אִיז שׁוֹין מְסֻדָּר אוֹיפְן שֶׁענְסְטְן אוֹפָן... אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט נָאךְ דִי פְּטִירָה, אִיז דֶער טַאטֶע גֶעקוּמֶען צוּ דָוִד צְבִי אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט אִים תּוֹרָה ווִי עֶר זָאל זַיין צוּרִיק לֶעבֶּעדִיג אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דָאס צוּ בַּאגְרַייפְן אִיז הֶעכֶער אוּנְזֶערֶע הַשָּׂגוֹת, אָבֶער מֶען קֶען זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן אַז ס'אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין פְּשׁוּטֶ'ע לִמּוּדִים. תּוֹרָה וָואס אַזַא הֵיילִיגֶער צַדִּיק אִיז מַמְשִׁיךְ פוּן עוֹלָם הַבָּא אִיז גָאר אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע דַּרְגָּה...

אַזוֹי הָאט דֶער קְלֵיינֶער דָוִד צְבִי מַשִּׂיג גֶעוֶוען תּוֹרָה וַוייט מֶער ווִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער אִין זַיין עֶלְטֶער. קֵיין שׁוּם חֵדֶר אָדֶער יְשִׁיבָה אוֹיף דֶעם עוֹלָם וָואלְט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט אַזוֹי

מְחַנֵּךְ זַיין וִוי זַיין הֵיילִיגֶער פָּאטֶער.
אַצִינְד קֶען מֶען זִיךְ שׁוֹין אַלֵיין פָּארְשְׁטֶעלְן אַז רֶבִּי דָּוִד צְבִי אִיז אוֹיסְגֶעשְׁטִיגְן אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם אוּן וֶוען ס'אִיז גֶעקוּמֶען צוּ שִׁידוּכִים הָאבְּן אִים אַלֶע גֶעוָואלְט אַרַיינְכַאפְּן פַאר אַן אֵיידֶעם. צוּם סוֹף הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אִים צוּ בַּאקוּמֶען רֶבִּי אַהֲרֹן הַכֹּהֵן כַּ"ץ פוּן דֶער שְׁטָאט בְּרָאד, ווֶעלְכֶער אִיז פַארֶעכְנְט גֶעוֶוען אַלְס אַ גָאוֹן אוּן צַדִּיק אוּן דֶערְצוּ אַ גְרוֹיסֶער יַחְסָן, שְׁטַאמֶנְדִיג בֶּן אַחַר בֶּן פוּן הגה"ק רֶבִּי נַפְתָּלִי הַכֹּהֵן כַּ"ץ, דֶער בַּעַל סְמִיכַת חֲכָמִים. אוֹיךְ גֶעלְט הָאט אִים נִישְׁט גֶעפֶעלְט אוּן אַז עֶר הָאט גֶעזוּכְט אַן אֵיידֶעם פַאר זַיין גֶערָאטֶענֶעם טָאכְטֶער, הָרַבָּנִית הַצַּדֶּקֶת הֶענָא עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, הָאט עֶר גֶעשְׁטְרֶעבְּט נָאר אוֹיפְן גְרֶעסְטְן אוּן עֶר הָאט טַאקֶע זוֹכֶה גֶעוֶוען דֶערְצוּ.

## תּוֹרָה מִתּוֹךְ יְגִיעָה

דֶער אִינְגֶער חָתָן הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז עֶר פַארְמָאגְט סְפֶּעצִיעֶלֶע הִימְלִישֶׁע תּוֹרָה וָואס נָארְמַאלֶערְהַייט אִיז מֶען נִישְׁט זוֹכֶה דֶערְצוּ. עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז אַזוֹי קוּמְט דָאס, בַּיינַאכְט לֶערְנְט מֶען מִיטְן טַאטְן...
זַייעֶנְדִיג אִין בְּרָאד לְכָבוֹד זַיין שִׁידוּךְ שְׁלִיסְן הָאט מֶען מְכַבֵּד גֶעוֶוען דֶעם פְּרִישְׁן חָתָן צוּ זָאגְן תּוֹרָה. ר' דָּוִד צְבִי מַאכְט נִישְׁט קַיין וֶוערְט פוּן זִיךְ, עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף אוּן עֶר הֵייבְּט אָן צוּ זָאגְן אַ טִיפֶע פִּלְפּוּל פוּל מִיט חֲרִיפוּת אוּן בְּקִיאוּת וָואס הָאט אַלֶעמֶען גֶעלָאזְט שְׁטֵיין גֶעפְּלֶעפְּט. דִי פְּשׁוּטֵי עַם הָאבְּן גְלַייךְ פַארְלוֹירְן זֵייעֶר קָאנְצֶענְטְרַאצִיע אוּן דִי גְרוֹיסֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, צְווִישְׁן זֵיי דֶער בַּעַל נוֹדַע בִּיהוּדָה, רֶבִּי זַלְמָן מַרְגָּלִיּוֹת זַצַ"ל, אוּן רֶבִּי גֵּרְשׁוֹן קִיטוֹבֶער זַצַ"ל, דֶער שְׁוָואגֶער פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב, זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן פַארְגַאפְט.
"וִוי הָאט עֶר יוּנְגֶער בָּחוּרְ'ל אַזֶעלְכֶע הַשָּׂגוֹת אִין יְדִיעוֹת הַתּוֹרָה?" הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט. "ס'אִיז נִישְׁט קַיין שְׁטֵייגֶערְלִיכֶע תּוֹרָה," הָאבְּן זֵיי גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען.
"בָּחוּרְ'ל טַייעֶרֶער, וֶוער הָאט דָאס אַלֶעס גֶעלֶערְנְט מִיט דִיר?!" הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְרֶעגְט.
"אַה, דִי תּוֹרָה? דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט מִיט מַיין פָאטֶער ווֶעלְכֶער אִיז שׁוֹין אוֹיפְן עוֹלָם הָאֱמֶת..."
אוֹיף אַזַא תְּשׁוּבָה הָאט מֶען זִיךְ נִישְׁט גֶערָאכְטְן, אָבֶּער אַצִינְד אִיז שׁוֹין אַלֶעס קְלָאר גֶעוָוארְן, פוּן וואוּ עֶס נֶעמְט זִיךְ אַזַא בְּקִיאוּת אִין תּוֹרָה. יֶענֶע נַאכְט וֶוען רֶבִּי דָּוִד צְבִי הָאט זִיךְ גֶעלֵייגְט וִוי יֶעדֶע נַאכְט אִיז זַיין טַאטֶע נִישְׁט עֶרְשִׁינֶען צוּ לֶערְנֶען מִיט אִים, אוֹיךְ נִישְׁט דֶעם אַנְדֶערְן טָאג אוּן אִין דִי פָאלְגְנְדֶע טֶעג. עֶר אִיז פָּשׁוּט מֶער נִישְׁט גֶעקוּמֶען.
וֶוען דִי מַאמֶע אִיז גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן דֶערְפוּן הָאט זִי גֶעהַאט גְרוֹיס צַעַר אוּן חֲלִישַׁת הַדַּעַת. "מִיט וועלְכֶע זִינְד אִיז מַיין צַדִּיקְ'ל גֶעשְׁטְרוֹיכְלְט גֶעוָוארְן חַס וְשָׁלוֹם אַז דֶער טַאטֶע קֶען מֶער נִישְׁט קוּמֶען צוּ אִים," הָאט זִי זִיךְ גֶעעֶרְגֶעט. קוּקְט אוֹיס אַז זִי אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין קְלֵיינֶע צַדֶּקֶת אַז זִי הָאט דָאס אַלֶעס מַשִּׂיג גֶעוֶוען. אִין אִיר קְלֶעם אִיז זִי גֶעפָארְן קַיין סְטַאנִיסְלָאוו צוּ אִיר מַאנְ'ס קֶבֶר אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן דָאס הַארְץ אוֹיף דֶעם וָואס אִיר גְרוֹיסֶער זוּן אִיז מֶער נִישְׁט זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה פוּן עוֹלָם הַבָּא. יֶענֶע נַאכְט וֶוען זִי הָאט זִיךְ גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן הָאט זִיךְ אִיר הֵיילִיגֶער מַאן בַּאוִויזְן צוּ אִיר אִין

# מַעֲשֶׂה ג – דֶער הִינְקֶעדִיגֶער

אַמָאל אִיז גִיוֶוען אַ חָכָם. אוּן דֶער קֵיסֶר פוּן דֶער מְדִינָה אִיז גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אַפִּיקוֹרֶס אוּן עֶר הָאט גִימַאכְט דִי גַאנְצֶע מְדִינָה פַאר אַפִּיקוֹרְסִים.

אִיז גִיגַאנְגֶען דֶער חָכָם אוּן הָאט גִירוּפְן דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה זַיינֶע. אוּן הָאט צוּ זֵיי גִיזָאגְט. אִיר זֶעט דוּךְ. אַז דֶער קֵיסֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער אַפִּיקוֹרֶס אוּן הָאט גִימַאכְט דִי גַאנְצֶע מְדִינָה פַאר אַפִּיקוֹרְסִים אוּן אַ טֵייל פוּן אוּנְזֶער מִשְׁפָּחָה. הָאט עֶר שׁוֹין אוֹיךְ גִימַאכְט פַאר אַפִּיקוֹרְסִים. בְּכֵן לָאמִיר זִיךְ אַוֶועק לָאזִין אִין דֶער מִדְבָּר כְּדֵי מִיר זָאלִין בְּלַייבְּן בַּיי אוּנְזֶער אֱמוּנָה אִין גָאט בָּרוּךְ הוּא.

זֶענֶען זֵיי מְרוּצָה גִיוָוארִין דְרוֹיף. הָאט דֶער חָכָם גִיזָאגְט אֵיין שֵׁם הָאט עֶס זֵיי גִיבְּרַאכְט צוּ אֵיין מִדְבָּר. אִיז אִים נִישְׁט גִיפֶעלִין דִי מִדְבָּר. הָאט עֶר ווִידֶער גִיזָאגְט אֵיין שֵׁם הָאט עֶס זֵיי אַוֶועק גִיטְרָאגְן צוּ אֵיין אַנְדֶערֶע מִדְבָּר.

אִיז אִים דִי מִדְבָּר אוֹיךְ נִיט גִיפֶעלִין. הָאט עֶר נָאךְ גִיזָאגְט אֵיין שֵׁם. הָאט עֶס זֵיי ווִידֶער גִיבְּרַאכְט צוּ אֵיין אַנְדֶערֶע מִדְבָּר. אִיז דִי מִדְבָּר אִים יוֹא גִיפֶעלִין.

אוּן דִי מִדְבָּר אִיז גִיוֶוען נָאהְנְט צוּ דִי צְוֵויי טוֹיזִינְט בֶּערְג (הַנַּ"ל) אִיז דֶער חָכָם גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט גִימַאכְט אֵיין עִיגוּל (כְּלוֹמֶר אַרוּם גִיקְרַייסְט) אַרוּם זֵיי אַז קֵיינֶער זָאל נִיט קֶענֶען צוּ טְרֶעטִין צוּ זֵיי.

אוּן עֶס אִיז פַאר הַאנְדִין אַ בּוֹים. וָואס אַז מְזָאל דֶעם בּוֹים אָן טְרֶענְקִין וָואלְט פוּן אוּנְז (הַיינוּ פוּן דִי שֵׁדִים) גָאר נִיט גִיבְלִיבְּן. אִיבֶּער דֶעם שְׁטֵייעֶן תָּמִיד פוּן אוּנְז וָואס זֵיי גְרֶאבְּן טָאג אוּן נַאכְט אוּן לָאזִין נִיט צוּ קֵיין וַואסֶער צוּ דֶעם בּוֹים.

הָאט אִים גִיפְרֶעגְט דֶער אַנְדֶערֶער: נָאךְ וָואס בַּאדַארְף מֶען שְׁטֵיין טָאג אוּן נַאכְט אוּן גְרֶאבִּין. אַ מֶער ווִי מְגְרֶאבְּט אָפּ אֵיין מָאל אַז דָאס וַואסֶער זָאל נִיט קֶענֶען צוּ קוּמֶען. אִיז שׁוֹין גִינוּג.

הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט. בַּאֲשֶׁר עֶס אִיז בַּיי אוּנְז פַארְהַאנְדְן מְדַבְּרִים (כְּלוֹמֶר רֵיידֶערְס) אוּן דִי מְדַבְּרִים גֵייעֶן אוּן מַאכִין קְרִיג צְווִישְׁן דֶעם מֶלֶךְ אוּן צְווִישְׁן דֶעם מֶלֶךְ אוּן דוּרְךְ דֶעם ווֶערְט מִלְחָמוֹת. אוּן דוּרְךְ דִי מִלְחָמוֹת ווֶערְט עֶרְד צִיטֶערְנִישׁ. פַאלְט אַיין דִי עֶרְד וָואס אַרוּם דֶעם גְרֶאבְּן קָאן קוּמֶען וַואסֶער צוּם בּוֹים.

אִיבֶּער דֶעם מוּז מֶען שְׁטֵיין תָּמִיד אוּן גְרֶאבִּין. אוּן אַז עֶס ווֶערְט אַ מֶלֶךְ צְווִישְׁן אוּנְז. מַאכְט מֶען פַאר אִים כָּל הַלֵיצָנוֹת. אוּן מְאִיז פְרֵיילִיךְ. דֶער שְׁפֶּעט ווִי עֶר הָאט מַזִיק גִיוֶוען אַ קִינְד אוּן ווִי דִי יוֹלֶדֶת טְרוֹיעֶרְט דְרוֹיף. אוּן דֶער וַוייזְט אֵיין אַנְדֶער לֵיצָנוּת. אוּן אַזוֹי כַּמָה אִירְלֵיי לֵיצָנוּת.

אוּן אַז דֶער מֶלֶךְ קוּמְט אִין שִׂמְחָה אַרַיין גֵייט עֶר אוּן שְׁפַּאצִירְט זִיךְ מִיט דִי שָׂרֵי מְלוּכָה. אוּן פְּרוּבְט זִיךְ אוֹיסְרַייסִין דֶעם בּוֹים. וָוארִין אַז דֶער בּוֹים זָאל גָאר נִיט זַיין. וָואלְט אוּנְז זֵייעֶר גוּט גִיוֶוען.

אוּן דֶער מֶלֶךְ שְׁטַארְקְט זִיךְ דָאס הַארְץ זֵייעֶר כְּדֵי עֶר זָאל אוֹיסְרַייסִין דֶעם בּוֹים אִין גַאנְצִין. ווִי עֶר קוּמְט צוּם בּוֹים. טוּט דֶער בּוֹים אַ גְרוֹיסֶע גִישְׁרֵיי. אַזוֹי פַאלְט אוֹיף אִים אַ פַּחַד מוּז עֶר זִיךְ אוּם קֶערִין.

אַמָאל אִיז גִיוָוארְן אַ נַייעֶר מֶלֶךְ בַּיי אוּנְז (דְהַיינוּ בַּיי שֵׁידִים. וָוארִין דָאס הָאט אַלְץ דֶערְצֵיילְט דֶער וָואלְקִין צוּ דֶעם שְׁלִיחַ כַּנַּ"ל) הָאט מֶען פַאר אִים גִימַאכְט גְרוֹיסֶע לֵיצָנוּת. כַּנַּ"ל. אִיז עֶר אַרַיין גִיקוּמֶען אִין גְרוֹיס שִׂמְחָה אוּן הָאט זִיךְ גִימַאכְט אַ שְׁטַארְק הַארְץ זֵייעֶר.

אוּן הָאט גִיוָואלְט אוֹיס רַייסִין דֶעם בּוֹים גָאר אִין גַאנְצִין אוּן אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען זִיךְ שְׁפַּאצִירְן מִיט זַיינֶע שָׂרִים אוּן הָאט זִיךְ זֵייעֶר גִישְׁטַארְקְט דָאס הַארְץ. אוּן אִיז צוּ גִילָאפִין אוֹיסְרַייסִין דֶעם בּוֹים אִין גַאנְצִין. ווִי עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּם בּוֹים.

הָאט עֶר אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסִין גִישְׁרֵיי גִיטָאן. אִיז אוֹיף אִים גִיפַאלְן אַ פַּחַד. הָאט עֶר זִיךְ אוּם גִיקֶערְט אוּן אִיז גִיוֶוען אִין גְרוֹיס כַּעַס. אוּן אִיז קְרִיק גִיגַאנְגֶען. דֶערְוַוייל הָאט עֶר אַ קוּק גִיטָאן הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן מֶענְשְׁן זִיצִין (דָאס אִיז גִיוֶוען דֶער חָכָם הַנַּ"ל מִיט זַיינֶע מֶענְשִׁין)

הָאט דֶער מֶלֶךְ גִישִׁיקְט פוּן זַיינֶע לַייט. אַז זֵיי זָאלִין עֶפֶּיס טוּן (דְהַיינוּ מַזִיק זַיין זֵיי אַזוֹי ווִי זֵייעֶר שְׁטֵייגֶער אִיז) ווִי דִי מִשְׁפָּחָה פוּן דֶעם חָכָם הָאבִּין זֵיי דֶער זֶעהְן אִיז אוֹיף זֵיי גִיפַאלִין אַ גְרוֹיסֶער פַּחַד.

הָאט זִיךְ דֶער זָקֵן (דְהַיינוּ דֶער חָכָם הַנַ״ל) אָנְגִירוּפְן צוּ זֵיי שְׁרֶעקְט אַייךְ נִיט. ווִי דִי שֵׁדִים זֶענֶען אַהִין גִיקוּמֶען הָאבִּין זֵיי נִישְׁט גִיקֶענְט צוּ טְרֶעטִין מַחְמַת דֶעם עִיגוּל וָואס אַרוּם זֵיי אִיז גִיוֶוען.

הָאט עֶר גִישִׁיקְט אַנְדֶערֶע שְׁלוּחִים. הָאבִּין זֵיי אוֹיךְ נִישְׁט גִיקֶענְט צוּ טְרֶעטִין. אִיז דֶער מֶלֶךְ גִיקוּמֶען אִין גְרוֹיס כַּעַס אַרַיין און אִיז אַלֵיין גִיגַאנְגֶען און עֶר הָאט אוֹיךְ נִיט גִיקֶענְט צוּ טְרֶעטִין צוּ זֵיי.

הָאט עֶר גִיבֶּעטִין דֶעם זָקֵן אַז עֶר זָאל אִים לָאזִין אַרַיין גֵיין צוּ זֵיי. הָאט אִים דֶער זָקֵן גִיזָאגְט. ווייל דוּ בֶּעטְסְט מִיךְ. וֶועל אִיךְ דִיךְ יוֹא אַרַיין לָאזִין. לוּשְׁמִיר עֶס אִיז קֵיין שְׁטֵייגֶער נִיט אַז אַ מֶלֶךְ זָאל אַלֵיין גֵיין. עַל כֵּן וֶועל אִיךְ דִיךְ אַרַיין לָאזִין נָאךְ מִיט אֵיינֶעם. הָאט עֶר זֵיי גִיעֶפִינְט אַ טִירְל.

זֶענֶען זֵיי אַרַיין גִיגַאנְגֶען. און הָאט ווִידֶער פַּארְשְׁלָאסִין דֶעם עִיגוּל. הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיזָאגְט צוּם זָקֵן. ווִי קוּמְסְטוּ זִיךְ זֶעצִין אוֹיף מַיין אָרְט. הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט. פַּאר וָואס אִיז דָאס דַיין אָרְט. עֶס אִיז מַיין אָרְט.

זָאגְט דֶער מֶלֶךְ צוּם זָקֵן. דוּ הָאסְט פַּאר מִיר קֵיין מוֹרָא נִיט. זָאגְט עֶר: נֵיין. זָאגְט עֶר ווִידֶער דוּ הָאסְט קֵיין מוֹרָא נִיט. און הָאט זִיךְ אוֹיס גִיצוֹיגְן און אִיז גִיוָוארְן זֵייעֶר גְרוֹיס בִּיז אִין הִימְל. און הָאט אִים גִיוָואלְט אַיין שְׁלִינְגֶען.

זָאגְט דֶער זָקֵן. אִיךְ הָאבּ פָּארְט קֵיין מוֹרָא גָאר נִיט פַּאר דִיר. נָאר אַז אִיךְ ווִיל. וֶועסְטוּ פַּאר מִיר יוֹ א מוֹרָא הָאבִּין. און אִיז גִיגַאנְגֶען. און הָאט אַבִּיסְל מִתְפַּלֵל גִיוֶוען. אִיז גִיוָוארִין גְרוֹיסֶע וָואלְקִינְס. און סֶע גִיוֶוען גְרוֹיסֶע דִינֶערְן. און דֶער דִינֶער הַרְגִ״ט זֵיי זֵייעֶר אוֹיס.

זֶענֶען גִיהַרְגֶעט גִיוָוארְן אַלֶע זַיינֶע שָׂרֵי מְלוּכָה וָואס זֶענֶען מִיט אִים גִיוֶוען און סֶע מֶער נִיט גִיבְּלִיבְּן נָאר דֶער מֶלֶךְ מִיט דֶעם אֵיינֶעם וָואס עֶר אִיז מִיט אִים גִיוֶוען דָארְט אִין דֶעם עִיגוּל. הָאט עֶר אִים גִיבֶּעטְן (דְהַיינוּ דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיבֶּעטִין דֶעם זָקֵן) אַז דֶער דוּנֶער זָאל אוֹיף הֶערִין. הָאט אוֹיף גִיהֶערְט.

המשך אויף זייט 3

# אַ צוּם וָואס הִיט און רַאטֶעוֶועט

מֶען אִיז מְחַלֵל שַׁבָּת. דִי קִינְדֶער פַאנְגְן אָן צוּ פַּארְלִירְן דָאס גֶעדוּלְד, נוּ, זָאל זִיךְ שׁוֹין דֶער בָּאס אָפְּשְׁטֶעלְן, און מֶען זָאל שׁוֹין אַרָאפְּגֵיין, נוּ שׁוֹין, נוּ, נווווו.... וָואס נֶעמְט אַזוֹי לַאנְג!!!

עֶנְדְלִיךְ הָאט דֶער מַשְׁגִיחַ גֶעמָאלְדְן אַז מֶען גֵייט יֶעצְט אַרָאפּ אִין וַואלְד, דָארְטְן וֶועט מֶען זֶען אַלְטֶע הַייזֶער און אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע חוּרְבוֹת. זֵיי אַלֶע זֶענֶען אַרָאפּ פְרֵיילֶעךְ, און זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט אִין אַ רִינְג, און אָנְגֶעפַאנְגֶען זִינְגֶען 'נַפְשִׁי הַחֲזָקָה'. דֶערְנָאךְ הָאט דֶער מַשְׁגִיחַ צִיטִירְט פוּן וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט אִין דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם חִגֵר וָואס דֶער בּוֹים אִיז מְרַמֵז

המשך פון זייט 12

אוֹיפְן גְרוֹיסְן צַדִיק וֶועלְכֶער אִיז אוּנְז מְחַזֵק מִיט אֱמוּנָה אַלֶעמָאל. דִי רִינְג אִיז דֶער צוּם וָואס לֶערְנְט אוּנְז אַז מֶען טָאר נִישְׁט גֵיין אוֹיף אַ אָרְט וָואס אִיז מְסֻכָּן בְּרוּחָנִיוּת. דֶערְפַאר, הָאבְּן מִיר נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרָאפְּגֵיין אוֹיף דִי עֶרְטֶער וָואס מִיר הָאבְּן אָרְגִינַאל גֶעוָואלְט, ווייל מִיר הָאבְּן אַ הֵיילִיגֶע צוּם וָואס הִיט אוּנְז אָפּ אַז מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן מִיט דִי אֱמוּנָה אִין הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

דִי קִינְדֶער הָאבְּן זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט, נִישְׁט נָאר פוּן דִי שְׁפַּאצִיר נָאר פוּן דִי לִמּוּדִים וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט אַז אַ אִיד קֶען נִישְׁט גֵיין וואוּ עֶר ווִיל, מִיר הָאבְּן אַ צוּם וָואס הִיט אוּנְז פוּן אַלֶעם בֵּייזְן.

# אֹ׳בֹ׳ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל

~ ~ ~

די שֶׁפַע פון די גאַנְצֶע וועלְט קוּמְט פון אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל! כָּל הָעוֹלָם נִזּוֹן מִתַּמְצִית שֶׁל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל שׁוֹתָה תְּחִלָּה.

~ ~ ~

די גאַנְצֶע וועלְט וֶוערְט גֶעשְׁפַּייזְט פון אֶרֶץ

פארזעצונג פון זייט 5

יִשְׂרָאֵל, אַמֶעריקֶע וֶוערְט אויךְ נִזּוֹן פון אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל! סְתָם אַזוֹי קוּקְט דָאךְ אוֹיס אַז די גאַנְצֶע הַשְׁפָּעָה איז הַיינְט אין אַמֶעריקֶע, אָבֶער דֶער אֱמֶת איז אַז אַמֶעריקֶע וֶוערְט גֶעשְׁפַּייזְט פון אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, און זֵיי שִׁיקְן צוּרִיק דָאס גֶעלְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל! (לְפִי טַעַם זְקֵנִים פָּרָשַׁת לך תשל"ה)

# אונטערוועגנס

חָלוֹם און בַּארוּאִיגְט אִירֶע זָארְגְן. נֵיין, דָוִד צְבִי איז אַ הֵיילִיג קִינְד, נָאר אַזוֹיוִוי דֶער סוֹד איז אַנְטְפְּלֶעקְט גֶעוָוארְן הָאט עֶר מֶער נִישְׁט קַיין עֶרְלוֹיבֶּענִישׁ אַרָאפְּצוּקוּמֶען אויף דֶעם עוֹלָם. און עֶר הָאט צוּגֶעלֵייגְט אַז עֶר לוֹיבְּט און דַאנְקְט אויף די אַלֶע תּוֹרָה וָואס דָוִד צְבִי הָאט יָא זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען מִיט אִים בִּיז אַהֶער. און פון הַיינְט אָן זָאל עֶר לֶערְנֶען תּוֹרָה בַּיי הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי מִיכַל זְלָאטְשׁוּבֶער זי"ע.

די מַאמֶע הָאט זִיךְ בַּארוּאִיגְט און פַארְשְׁטַאנֶען אַז אַצִינְד איז גֶעקוּמֶען די צַייט אַז איר הֵיילִיגֶער זוּן זָאל לֶערְנֶען תּוֹרָה מִתּוֹךְ יְגִיעָה ווִי אַלֶע אַנְדֶערֶע אויף דֶעם עוֹלָם.

*

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז נָאךְ אַזַא הִימְלִישֶׁע חִנּוּךְ איז רֶבִּי דָוִד צְבִי אוֹיסְגֶעשְׁטִיגְן אַ רִיז אין תּוֹרָה און עֲבוֹדָה. עֶר איז פַארְרֶעכְנְט גֶעוֶוען צְווִישְׁן די גְּדוֹלֵי הַדּוֹר אין יֶענֶע צַייט וֶועלְכֶע הָאבְּן גֶעשְׁרִיבְּן שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת אין הֲלָכָה.

אוֹיסֶער זַיין גְרוֹיסְקַייט אין תּוֹרָה, וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אויף אִים אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע מַדְרֵיגוֹת אין פְּרִישׁוּת און צְדָקוֹת. פַאר פֶערְצִיג יָאר אִין אֵיין צִי הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אַ

פארזעצונג פון זייט 7

בֶּעט; עֶר פְלֶעגְט דְרִימְלֶען אָנְגֶעלַאנְט אוֹיפְן טִישׁ מִיט אָן אָנְגֶעצִינְדֶענֶעם לִיכְט צְווִישְׁן די פִינְגֶערְס און וֶוען דָאס לִיכְט הָאט אוֹיסְגֶעבְּרֶענְט בִּיז צוּ זַיין הַאנְט הָאט עֶר גֶעשְׁפִּירְט דֶעם הִיץ און זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט ווייטֶער מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין אין לֶערְנֶען.

צוּלִיבּ זַיין שְׁטַארְקֶע זְהִירוּת און דִקְדּוּקִים, סְפֶּעצִיעל אין די מִצְוָה פון נְטִילַת יָדַיִם, פְלֶעגְט עֶר דוּרְכְאוֹיס די וואךְ עֶסְן נָאר אוֹיסְגֶערֶעכְנְטֶע צְוֵויי מִיט אַ הַאלְבּ קוּכְן וָואס עֶנְטְהַאלְט נִישְׁט דֶעם שִׁיעוּר פון סְעוּדַת קֶבַע, כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן וַואשְׁן די הֶענְט. בְּלוֹיז שַׁבָּת הָאט עֶר זִיךְ גֶעוַואשְׁן צוּ סְעוּדַת שַׁבָּת מִיט אָן אַ שִׁיעוּר חוּמְרוֹת און הִדּוּרִים.

נִישְׁט אוּמְזִיסְט הָאט עֶר זִיךְ עֶרְוָוארְבְן דֶעם צוּנָאמֶען, "דֶער גְרוֹיסֶער רֶבִּי דָוִד צְבִי". עֶר איז אוֹיפְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן אַלְס רָב אין עֶטְלִיכֶע גְרוֹיסֶע שְׁטֶעט אין אוּקְרַיינֶע ווִי שַׁארִיגְרַאד, פַּארְמֶערָאן, מַאנִיסְטְרִישְׁץ, סָארְקָא, מָאהָלוּב, און נָאךְ, און אַלְס הוֹיפְּט רָב און פּוֹסֵק אִיבֶּער די גאַנְצֶע פָּאדָאלְיֶע אוּמְגֶעגְנְט וָואס איז בַּאשְׁטַאנֶען פון אוּמְגֶעפֶער דְרַיי און אַכְצִיג שְׁטֶעטְלֶעךְ און דֶערְפְלֶעךְ.

בַּיי אָט דֶעם גָּדוֹל וְקָדוֹשׁ הָאט רֶבִּי נָתָן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן אַן אֵיידֶעם!

:pe ______________

# לאמיר זיך פארהערן



## בחינה אויף סיפורי מעשיות

### די דריטע מעשה ־ דער הינקעדיגער (5)

**א. ווער דערציילט די מעשה פון דעם חכם - זקן ? פאר וועמען?**
- ❑ דער מלך צו דער וואלקן
- ❑ דער שליח צו דעם מלך
- ❑ דער וואלקן צו דעם שליח

**ב. וואס האט ער געמאכט די גאנצע מדינה?**
- ❑ פאר חכמים
- ❑ פאר גרויסע חכמים
- ❑ פאר אפיקורסים

**ג. צו וואו, וויל זיך דער חכם אוועקלאזן? און פארוואס?**
- ❑ אין א אנדערע שטאט, צו האבן וואס צו עסן
- ❑ אין א אנדערע שטאט, נישט צו ווערן גע'הרג'עט
- ❑ אין מדבר, כדי צו בלייבן ביי אונזער אמונה

**ד. וואס האט דער חכם געמאכט אז מ'זאל נישט קענען צוטרעטן צו זיי?**
- ❑ א גרויסער מויער
- ❑ א עגול ארום זיי
- ❑ ער איז אריין אין א פאלאץ

**ה. וואס וואלט געשען ווען מ'טרונקט אן דעם בוים?**
- ❑ וואלט פון די שדים גארנישט געבליבן
- ❑ וואלטן די שדים משוגע געווארן
- ❑ וואלטן די שדים באקומען כח

**ו. פארוואס איז נישט גענוג אז מ'גראבט איין מאל ארום דעם בוים?**
- ❑ ווייל די רעדערס מאכן קריג צווישן מלכים, ווערט מלחמות, קען צוקומען וואסער צו דעם בוים
- ❑ ווייל די רעדערס מאכן קריג צווישן מלכים, ווערט מלחמות, ווערט ערד ציטערנישן, פאלט די ערד ארום דעם גראבן, קען צוקומען וואסער צו דעם בוים
- ❑ ווייל ס'קומט א גאנצן צייט וואסער פון טייך

**ז. פארוואס איז ער נישט מצליח צו אויסרייסן דעם בוים?**
- ❑ ווייל ס'איז זייער א שטארקער בוים
- ❑ ווייל מ'נעמט אים צו די כח
- ❑ ווייל די בוים געבט א געשריי פאלט אויף אים א גרויסע פחד

**ח. וואס האט דער מלך געטון צו ווייזן זיין כח?**
- ❑ ער איז געווארן א וואלקן
- ❑ ער האט ארויס גענומען א גרויסע שווערד
- ❑ ער איז געווארן זייער גרויס ביז אין די הימל

**ט. וואס האט דער חכם געטון?**
- ❑ ער האט ארויס געטראגן דעם מלך פון דעם עיגול
- ❑ ער האט זייער מורא געהאט און זיך מכניע געווען
- ❑ ער האט אביסל מתפלל געווען זענען גע'הרג'עט געווארן די שרי מלוכה

**י. וואס האט דער מלך געזאגט פאר דעם זקן ?**
- ❑ ער זאל אוועק גיין פון דעם פלאץ
- ❑ אז ער האט נישט מורא
- ❑ ער האט אים צוגעזאגט אז זיי וועלן קיינמאל נישט מזיק זיין, זיין גאנצע משפחה

**נָאר דָאס זָאלְט אִיר זֶעהְן תָּמִיד צו טָאן. אָן צוּ טְרֶענְקֶען בֵּיימֶער - מיט פיל הצלחה**

טיפער געטראכט



**וועלכע ענין וואס ווערט דערמאנט אין די מעשה האט דער רבי געזאגט "ביי די וועלט איז עס א קליינע זאך און ביי מיר איז עס א גרויסע זאך"?**

**תשובות אויף פאריגע וואך: וואו נאך ווערט דערמאנט אין סיפורי מעשיות דאס ווארט מכשפים? מעשה ה': און ער האט גערופן די מכשפים.**

**וועלכע ענין וואס דערט דערמאנט אין די מעשה האט דער הייליגער רבי זיך געהייסן מרחק זיין? ליצנות, דאקטוירים.**

**געווינער אויף די בחינות פון 'חגר #4' איז הילד הח' יעקב ברוך, בית שמש כתה ג' ****3653**
**די מתנה קען מען באקומען ביים משגיח אין חדר ברסלב ר' יואל יאראוויטש הי"ו**

**צו ענטפערן די בחינות און ארייגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**

# אַ צוים וָואס הִיט און רַאטֶעוֶועט

די וָואךְ הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט אִין דִי מַעֲשֶׂה אַז אַ חָכָם הָאט גֶעוואָלְט גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דֶער קֶענִיג וָואס הָאט גֶעמַאכְט דִי גַאנְצֶע מְדִינָה פַאר אֶפִּיקוֹרְסִים, אוּן עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט וָואס עֶר קֶען טוּן אַז זֵיי זָאלְן בְּלַייבְּן מִיטְן אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער. הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַ שֵׁם, אוּן עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין מִדְבָּר, אָבֶּער עֶס אִיז אִים נִישְׁט גֶעפָאלְן. אַזוֹי הָאט עֶר פְּרוּבִּירְט עֶטְלִיכֶע מָאל, אוּן דַאן הָאט עֶר גֶעזָאגְט נָאךְ אַ שֵׁם, אוּן עֶס הָאט אִים מִיט זַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה גֶעבְּרֶענְגְט צוּ אַן אַנְדֶערֶע מִדְבָּר וָואס אִיז גֶעוֶוען נָאעְנְט צוּ דִי צְוֵויי טוֹיזְנְט בֶּערְג. אָבֶּער עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה אַז עֶר קֶען גֶעשֶׁעדִיגְט וֶוערְן אוּן נִשְׁפָּע וֶוערְן פוּן זֵיי צוּם שְׁלֶעכְטְס. וָואס זָאל עֶר טוּן צוּ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן? הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ רִינְג אַרוּם אַז קֵיינֶער זָאל זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען דֶערְנֶענְטֶערְן.

עֶס אִיז דָא אַ בּוֹים, וָואס אוֹיבּ עֶס וֶוערְט אָנְגֶעטְרוּנְקֶען בְּלַייבְּט גַארְנִישְׁט אִיבֶּער פוּן דִי שֵׁדִים. דֶערְפַאר שְׁטֵייעֶן דִי שֵׁדִים אוּן גְרַאבְּן יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶס גֶעשֶׁעט אַן עֶרְד צִיטֶערְנִישׁ צוּ צוּרִיקְהַאלְטְן דִי וַואסֶער פוּן דִי בּוֹים. יֶעדֶעס מָאל וֶוען זֵיי הָאבְּן אַ נַייעֶ קֶענִיג, קוּמְט עֶר מִיט פְרֵייד אוּן פְּרוּבִּירְט צוּ אוֹיסְרַייסְן דֶעם בּוֹים.

כְּדֵי מִיר זָאלְן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי דָאזִיגֶע דִיבּוּרִים אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, לָאמִיר אַרוּפְגֵיין אוֹיפְן בָּאס וָואס פִירְט דִי חֵדֶר אִינְגְלֶעךְ אוֹיף אַן אוֹיסְפְלוּג (שְׁפַּאצִיר). מִיטְוָואךְ אִינְדֶערְפְרִי שְׁטֵייעֶן אוֹיף כִּתָּה ז' ח' ט' זֵייעֶר פְרִי צוּם עֶרְשְׁט גֵייעֶן זֵיי דַאוֶונֶען אִין דֶער הֵיכַל הַתְּפִלָּה, נָאכְן דַאוֶונֶען שְׁטֵייעֶן זֵיי מִיט דִי טֶעשְׁלֶעךְ אוֹיף דִי פְּלֵייצֶעס, פִּיל פְלֶעשֶׁער וַואסֶער אִין דִי הֶענְט, אוּן אַ הִיטְל אוֹיפְן קָאפּ, אוּן גֵייעֶן אַרוֹיף אוֹיפְן בָּאס. הַיינְט גֵייעֶן זֵיי פָארְן צוּ שֵׁיינֶע פְלֶעצֶער נָאךְ וָואס זֵיי הָאבְּן מֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצֶע יָאר גֶעלֶערְנְט פְלֵייסִיג מִיט חֵשֶׁק אוּן שִׂמְחָה.

דִי גַאסְן זֶענֶען לַאנְג, אוּן דִי קִינְדֶער פְּרוּבִּירְן צוּ דֶערְגֵיין וואוּ אַהִין זֵיי פָארְן. וָואלְוִוי טַעֲנָה'ט אַז מֶען גֵייט מִתְפַּלֵּל זַיין בַּיי עֶפֶּעס אַ קֶבֶר, אוּן דֶערְנָאךְ גֵייט מֶען גֵיין צוּפִּיס פַאר אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה בִּיז מֶען וֶועט אָנְקוּמֶען צוּ אַ קְוָואל, אוּן דָארְטְן וֶועט מֶען זִיךְ אָנְגִיסְן מִיט קַאלְט וַואסֶער. יְשַׁעְיֵ' מֶערְקְט אָבֶּער אָן, אַז מֶען אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען בַּיי אַ קְוָואל, אוּן דִי יָאר אִיז עֶר זִיכֶער אַז מֶען גֵייט פָארְן צוּ רִיזִיגֶע פַּארְק אוּנְטֶערְהַאלְטוּנְגֶען (רֵיידְס).

אָט שְׁטֶעלְט זִיךְ דֶער בָּאס אָפּ, אוּן דִי קִינְדֶער וֶוערְן גֶעבֶּעטְן נִישְׁט אַרָאפְּצוּגֵיין. דֶער מְלַמֵּד אוּן דֶער מַשְׁגִּיחַ גֵייעֶן אַרָאפּ אוּן דֶערְוַוייטֶערְן זִיךְ. אַלֶע קוּקְן אוֹיף זֵיי, מִיט אַ פְרֶעגְנְדִיגֶע בְּלִיק, 'וואוּ אִיז מֶען דָא אָנְגֶעקוּמֶען?'

נָאךְ אַבִּיסְל צַייט קֶערְן זֵיי זִיךְ אוּם, אוּן דֶער מַשְׁגִּיחַ דֶערְצֵיילְט אוֹיפְן הוֹיכְהִילְכֶער אַז מֶען קֶען נִישְׁט אַרָאפְּגֵיין פוּן דִי בָּאס, וַוייל עֶס זֶענֶען דָא דָארְט גֶעווִיסֶע פַארְשׁוֹיינֶען וָואס וַוייסְן נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען בְּרוּיךְ זִיךְ אָנְטוּן. אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ צֶלֶם אֱלֹקִים וָואס מֶען דַארְף זֵייעֶר הִיטְן.

נָאכְן פָארְן אַ פֶערְטְל שָׁעָה, שְׁטֶעלְט זִיךְ דֶער בָּאס ווִידֶער אָפּ, דֶער מְלַמֵּד אוּן דֶער מַשְׁגִּיחַ גֵייעֶן אַרָאפּ, קוּקְן זִיךְ אוּם אִין גַאנְצְן גֶעגְנְט, אוּן פַארְלַאנְגֶען פוּנֶעם דְרַייוֶוער צוּ פָארְן צוּ אַ דְרִיטֶע פְּלַאץ. ווִידֶער אַמָאל נֶעמְט דֶער מַשְׁגִּיחַ דָאס וָוארְט אוּן זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער אַז מֶען אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ פְּלַאץ וואוּ

המשך אויף זייט 9

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר משה חיים וויינגארטן הי"ו
לרגל הולדת הבת למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר מנחמן מארקוס הי"ו
לרגל הולדת התאומים למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הרוצה בעילום שם
לרגל הולדת הבן למזל טוב